בעזרת השם יתברך

# פרק מט-נ

## • צו •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

דער תענית ווערט פאַררעכנט ווי אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטן. - פאַרשידענע הנהגות אינעם טאָג פון אַ תענית. - דער טאָג פון פאַסטן איז מסוגל אַז דער מענטש זאָל דאַן אַרויסזאָגן זיינע עבירות פאַר דעם אויבערשטן, און דורכדעם קען דער שטן נישט מקטרג זיין ח״ו. - אַפילו אויפן וועג דאַרף מען זיך באַהעפטן אין דער תורה און אין די מענטשן וואָס לערנען איר. - אַ מעשה פון זוהר.

די חשיבות פון דעם קרבן וואָס אַן אָרימאַן ברענגט. - די כוונות מכוון צו זיין ביים דאַווענען פאַר דער שכינה הקדושה. - דאָס גרויסקייט פון זאָגן פסוקי דזמרה און שירת הים מיט כוונה. - מען זאָל נישט מפסיק זיין צווישן ״ישתבח״ און ״אמן יהא שמיה רבה״. - די וויכטיגקייט נוהג כבוד צו זיין אין דער שוהל.

# אינהאלט
## פון פרקים מ"ט - נ'


**א.** אין פרק מ"ט ווערט ערקלערט די מעלה פון פאַסטן אַ תענית, וואָס איז געגליכן צו אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטן. - אַ רמז אין דעם וואָרט "קרבן". -די חשיבות פון די קרבנות ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, און פון תפילה בזמן הזה.......... ה

**ב.** דער רמז פון וואָרט "קרבן".......... ו

**ג.** 9 זאַכן וואָס זענען פוגם דעם תענית.......... ז

**ד.** נישט צו עסן ווי אַ זולל וסובא ח"ו.......... ח

**ה.** די חשיבות פון אַרויסזאָגן מיטן מויל די עבירות וואָס מ'האָט געטוהן.......... ט

**ו.** ווען מען זאָגט אַרויס די עבירות, איז עס אַ כבוד פאַר דעם אויבערשטן צו שטאַרקן זיין רחמנות.......... ט

**ז.** דאָס געוויין פון די שכינה ביים חורבן בית המקדש.......... י

**ח.** דער מענטש וואָס באַהעפט זיך צו תלמידי חכמים, איז מקרב די גאולה.......... יא

**ט.** אין פרק נ' ווערט ערקלערט: די גרויסקייט פונעם קרבן פון עני.......... יג

**י.** דאָס איז נישט קיין קרבן פאַר עושר נאָר פון אַן אָרימאַן.......... יג

**יא.** רעכט האָט ער געטאָן ווייל אַזאַ קרבן ברענגט אַן עני.......... יג

**יב.** איך טוה אַ נדר, אַז פון היינט אָן וועל איך קיינמאָל נישט אַרויף ברענגען אויף מיין האַרץ קיין שלעכטע מחשבות ........ יד

**יג.** דער קרבן פונעם אָרימאַן איז בעסער ביי הקדוש ברוך הוא פון אַלע קרבנות ........ יד

**יד.** דער מענטש זאָל מתפלל זיין מיט כונה און מיט אַ צעבראָכן האַרץ ........ טו

**טו.** די גרויסע חשיבות פון זאָגן פסוקי דזמרה און שירת הים מיט כונה ........ טו

**טז.** זיי זענען קעגן די דרייצען ווערטער פון די מדות הרחמים ........ טז

**יז.** ווי הויך השם יתברך איז פון דעם עולם, און ווען אַ מענטש גייט אין שול אַריין און קערט אום זיין פנים צו דער וואַנט, און איז מתפלל, דערהערט עס תיכף השם יתברך. ........ טז

**יח.** ס'איז אַ מנהג כשר צו קושן די ווענט פונעם בית מדרש ........ יז

**יט.** די גרויסע קדושה פון אַ בית מדרש, און דער חיוב זיך צו פירן ווי עס באַדאַרף צו זיין ........ יז

**כ.** דער וועט זוכה זיין צו זעהן אין דעם זיסקייט פון גאָט, און דינען אים אין זיין היכל ........ יח

❖ ❖ ❖

# פרק מ״ט

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די מעלה פון פאַסטן אַ תענית, וואָס איז געגליכן צו אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטן. - אַ רמז אין דעם וואָרט ״קרבן״. -די חשיבות פון די קרבנות ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, און פון תפילה בזמן הזה.**

**א. כתבו,** אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געשריבן (מדרש משלי פרק ו, ד) דאָס ערשטע וואָס ברענגט דעם מענטשן ער זאָל נתעורר ווערן צו תשובה איז דאָס פאַסטן, און מיר וועלן ערקלערן דעם כח פון פאַסטן אַ תענית. נאָר פריער וועלן מיר ברענגען וואָס איך האָב געפונען אין זוהר פרשת שמות (דף כ׳ עמוד א׳).

**רבי** אבא איז געגאַנגען אין וועג, און מיט אים איז געווען רבי יצחק. גייענדיק אַזוי אויפ׳ן וועג האָבן זיי געזעהן אַ גאָרטן מיט רויזן. האָט רבי אבא גענומען אַ רויז און איז ווייטער געגאַנגען. האָט זיי באַגעגנט רבי יוסי, האָט ער געזאָגט, אַוודאי איז די שכינה דאָ פאַראַן, און איך זעה אויף דער האַנט פון רבי אבא אַז איך קען לערנען פון דעם פילע חכמות, ווייל איך ווייס אַז רבי אבא האָט נישט גענומען די רויז נאָר צו ווייזן חכמות מיט איר.

**האָט** רבי אבא געזאָגט צו רבי יוסי, זיץ, מיין זוהן, האָבן זיי זיך געזעצט, און רבי אבא האָט געשמעקט די רויז און האָט געזאָגט, אַוודאי האָט די וועלט נישט מער קיין קיום נאָר אויף דעם גוטן ריח, ווייל איך זעה אַז די נשמה האָט נישט קיין קיום נאָר דורך דעם ריח, און צוליב דעם דאַרפן מיר מוצאי שבת נעמען אַ הדס און עס שמעקן.

**ב. והנה,** און די ערקלערונג פון דעם ענין כדי מען זאָל עס קענען פאַרשטיין איז, ווייל אַזוי ווי די נשמה וואָס ווערט

אָנגערוּפן אַן ״עולם קטן״, אַ קליינע וועלט, האָט נישט קיום נאָר דורך דעם ריח, אַזוי ווי די חז״ל זאָגן (ברכות דף מ״ג עמוד ב׳) וועלכע איז די זאַך וואָס די נשמה האָט דערפון הנאה אָבער נישט דער גוף, דאָס איז דער ריח, אַזוי אויך די גרויסע וועלט, די אונטערשטע וועלט און די איבערשטע וועלט האַלטן זיך אויף דעם ריח. דאָס מיינט מען אַז ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען האָט מען מקריב געווען קרבנות, און בשעת מען האָט מקריב געווען דעם קרבן האָט מען אין זינען געהאַט אַלע יחודים וואָס זענען שייך צו די קרבנות, און מען האָט אין זינען געהאַט די הייליגע שמות וואָס קומען אַרויס פון דעם פסוק (במדבר כח, ח) ״אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ לַה׳״, און האָבן דערוועקט דעם איבערשטנ׳ס ווילן, און עס זענען געאייניגט געוואָרן די וועלט מיט איין פאַרבינדונג און איין באַהעפטונג.

## דער רמז פון וואָרט ״קרבן״

**אויף** דעם איז מרמז דאָס וואָרט ״קרבן״, אַ לשון פון דערנענטערונג.

און איצט איז די תפילה אויף דעם אָרט פון די קרבנות, און אויך די תורה, וואָס מען לערנט די פרשיות פון קרבנות זענען אויפן אָרט פון די קרבנות, וואָס יעדער מענטש וואָס לערנט די פרשה פון קרבן עולה איז גלייך ווי ער וואָלט מקריב געווען אַ קרבן עולה (מנחות דף ק״י עמוד א׳), און אַזוי אויך די תפילה וואָס גייט אַרויס פון דעם מויל פון מענטש וואָס דאַווענט בשעת ער פאַסט, איז גלייך צו דעם ריח פון די קרבנות.

**ג. וביאר,** און דער זוהר (שם) באַשיידט דעם ענין, אַז אַזוי ווי די רויז איז רויט, און ווען מען קאָכט עס אין פייער ווערט עס ווייס, וואָס דאָס איז אַ צייכן אַז דאָס רויטע איז איבערגעקערט געוואָרן צו ווייס, אַזוי אויך דער קרבן איז בלוט וואָס איז רויט און חלב איז ווייס, און דער רויך וואָס גייט דערפון אַרויס איז גאָר ווייס, מרמז צו זיין אַז די עבירה וואָס איז רויט, איז געוואָרן איבערגעדרייט אויף ווייס. דאָס זעלבע איז מיט דעם תענית וואָס אַ מענטש איז מקריב זיין

פעטס און זיין בלוט, און אין יעדן תענית איז פאַראַן אַ היץ אין דעם קערפער צוליב זיין שוואַכקייט.

**און** דאָס איז וואָס רבי אלעזר האָט געזאָגט: ווען איך בין געזעסן און געפאַסט האָב איך מתפלל געווען, רבונו של עולם, האַר פון דער וועלט, עס איז אַנטפלעקט און באַקאַנט אַז איך האָב מקריב געווען פאַר דיר מיין פעטס און בלוט און מיין גוף איז אָנגעצונדן פון היץ צוליב די שוואַכקייט פון מיין קערפער. זאָל זיין דער ווילן פון פאַר דיר אַז דער ריח וואָס גייט אַרויף פון מיין מויל אין דער איצטיקער צייט, זאָל זיין אַזוי ווי דער ריח ניחוח פון די קרבנות אויף דעם מזבח, און דו זאָלסט מיך באַוויליגן.

## 9 זאַכן וואָס זענען פוגם דעם תענית

**ד. ואחר,** און נאָך דעם ווי מיר האָבן אַביסל ערקלערט די מעלה פון תענית, וועלן מיר מבאר זיין די זאַכן וואָס זענען פוגם דעם תענית, אויב מען טוט זיי ווען מען פאַסט, ווערט דער תענית נישט אָנגענומען:

**האחד,** דאָס ערשטע איז, מען זאָל זיין געוואָרנט אין דעם טאָג פון תענית, זיך צו באַשעפטיקן נאָר מיט דברים שבקדושה, און נישט ווי אַ טייל מענטשן זענען עוסק אין דברים בטלים און אין ליצנות, וואָס דאַן גייט אַוועק זייער שכר צוליב זייער שאָדן.

**השני,** דאָס צווייטע איז, דער מענטש וואָס דערציילט פאַר אַנדערע מענטשן אַז ער פאַסט, איז עס זייער שלעכט, און עס איז גלייך צו אַ מענטש וואָס גיט אַ מתנה צו זיין חבר און רופט עס אויס פאַר אַ סאַך מענטשן.

**השלישי,** דאָס דריטע, דער מענטש וואָס בייזערט זיך אין דעם טאָג ווען ער פאַסט, איז עס גלייך ווי ער גיט אַ מתנה און בייזערט זיך דערויף.

**הרביעי,** דאָס פערטע איז, ער זאָל זען צו לערנען אַפילו אַביסל תורה, איידער ער וועט טועם זיין נאָך דעם תענית.

**ה. החמישי,** דאָס פינפטע איז, ער זאָל מדקדק צו עסן (נאָך דעם תענית) ברויט וואָס איז געבאַקן געוואָרן דורך אַ איד.

**הששי,** דאָס זעקסטע איז, ער זאָל פריער שיקן צו דעם אָרימאַן פון דעם מאַכל וואָס ער האָט פאַר זיך צוגעגרייט.

## נישט צו עסן ווי אַ זולל וסובא ח״ו

**השביעי,** דאָס זיבעטע איז דער עיקר און מקור פאַר אַלע זאַכן, ער זאָל זיין געוואָרנט נישט צו עסן ווי אַ רעבתן, דאָס הייסט ער זאָל נישט כאַפּן ווייל ער איז הונגעריק, וואָס דאָס איז אַ רעכטער איסור, ווייל אַזוי האָט זיך געפירט עשו הרשע, וואָס ער האָט געזאָגט (בראשית כה, ל) ״הַלְעִיטֵנִי נָא״, טוה מיך אָנזיפּן (פון די רויטע לינדזן), און עס שטייט אין משלי (יג, כה) ״וּבֶטֶן רְשָׁעִים תֶּחְסָר״, און אינעם מאָגן פון די רשעים פעלט אייביג (דער רשע ווערט קיינמאָל נישט זאַט פון עסן). אין דעם ווערן פילע מענטשן געשטרויכלט דורך דעם וואָס זיי עסן שנעל ווי אַ זולל וסובא, און דאָס איז זעהר אַ גרויסער פגם.

**השמיני,** דאָס אַכטע איז, דער מענטש זאָל נישט טרינקען אַ סאַך כדי ער זאָל שיכור ווערן, ווייל דאַן וועט ער אַריינפאַלן אין אַ שלאָף דורך דער צעטומלונג פון זיין שכל, און עס וועט אויסקומען אַז ער וועט שאָדן האָבן דאָס וואָס ער האָט נישט איבערגעגעבן אין דעם אויבערשטענ׳ס האַנט זיין גייסט און זיין נשמה פאַרן גיין שלאָפן מיט אַ ריינע כוונה און מחשבה, וואָס דאָס איז אַ גרויסער חיוב אויפ׳ן מענטש צו טוהן, אַזוי ווי עס שטייט באריכות אין זוהר פרשת דברים (דף ר״ס עמוד א׳) עיין שם.

**התשיעי,** דאָס נייַנטע איז, דער טאָג פון תענית איז מסוגל אַז דער מענטש זאָל אַרויסזאָגן זיין זינד פאַר דעם אויבערשטן,

און דאַן וועט דער שטן נישט קענען מקטרג זיין קעגן זיין קרבן אָדער קעגן זיין תפילה.

## די חשיבות פון אַרויסזאָגן מיטן מויל די עבירות וואָס מ׳האָט געטוהן

**ו. ודבר זה,** און די דאָזיקע זאַך שטייט אַרויסגעשריבן אין זוהר פרשת ויקרא (דף כ׳ עמוד א׳) און פאָלגענד איז זיין לשון:

**רבי** חייא און רבי יוסי זענען געגאַנגען אויף דעם וועג. גייענדיק אַזוי האָט רבי יוסי געזאָגט צו רבי חייא, קום וועלן מיר עוסק זיין אין דער תורה. האָט רבי חייא אָנגעפאַנגען מיט זאָגן דעם פסוק (תהלים לב, ה) ״חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ״ - מיין זינד וועל איך דיר לאָזן וויסן, פון דאָ לערנען מיר אַז יעדער מענטש וואָס פאַרדעקט זיינע עבירות און ער זאָגט זיי נישט אַרויס פאַר דעם הייליקן קעניג דעם אויבערשטן, און ער בעט נישט אויף זיי רחמנות אַז דער אויבערשטער זאָל אים מוחל זיין די עבירות, גיט מען אים נישט די מעגלעכקייט תשובה צו טוהן, און אויב ער זאָגט יאָ אַרויס זיינע עבירות, האָט דער אויבערשטער רחמנות אויף אים און די מדת הרחמים שטאַרקט זיך אויף די מדת הדין. און אַוודאי געוויס אויב ער וויינט בשעת ער זאָגט אַרויס די עבירות, ווייל אַלע פאַרשפאַרטע טויערן ווערן דעמאָלטס געעפנט פאַר אים און זיין תפילה ווערט אָנגענומען.

## ווען מען זאָגט אַרויס די עבירות, איז עס אַ כבוד פאַר דעם אויבערשטן צו שטאַרקן זיין רחמנות

**ועל דא,** און צוליב דעם, דער מענטש וואָס זאָגט אַרויס זיינע עבירות איז עס אַ כבוד פאַר דעם אויבערשטן צו שטאַרקן זיין רחמנות אויף די דינים, און אויף דעם שטייט אין פסוק (תהלים נ, כג) ״זוֹבֵחַ תּוֹדָה יְכַבְּדָנְנִי״, איז דער טייטש דערפון, דער מענטש וואָס שעכט זיין יצר הרע מיט דעם וואָס ער איז זיך מתוודה פאַר מיר, טוט

ער אָן צוויי כיבודים, איין כיבוד אויף דער וועלט און איין כיבוד אויף דער קומענדיקער וועלט, אין עולם הבא.

**ז. פתח עוד,** נאָך האָט רבי חייא געזאָגט, אין דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן אויף דער וועלט און די אידן זענען געגאַנגען אין גלות אַריין מיט מילשטיינער אויף זייערע העלדזער, און זייערע הענט זענען געווען באַהאָפטן צו אונטן און די כנסת ישראל איז אויך געגאַנגען מיט אין גלות אַריין, האָט די שכינה געזאָגט, איך וועל פריער גיין וויינען אויפן בית המקדש וואָס איז געווען מיין וואוינונג, און אויף מיינע קינדער און אויפן גרויסן יחוד וואָס פלעגט געטוהן ווערן אין בית המקדש.

## דאָס געוויין פון די שכינה ביים חורבן בית המקדש

**און** ווען די שכינה האָט אַראָפּגענידערט פון דעם אויבערשטן בית המקדש, האָט זי געזעהן אַז דער בית המקדש של מטה איז חרוב און דאָס בלוט פון די צדיקים איז פאַרגאָסן געוואָרן, האָט די שכינה אויפגעהויבן איר קול און עס האָבן געציטערט די אויבערשטע און אונטערשטע וועלט ביז איר קול איז געקומען צו דעם אָרט וואו דער אויבערשטער ברוך הוא רוהט און דער אויבערשטער האָט געוואָלט חרוב מאַכן די וועלט צו וויסטעניש ביז עס האָבן גענידערט פילע חיילות און פילע מחנות מלאכים צו טרייסטן די שכינה כביכול, אָבער די שכינה האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין טרייסט ווערטער.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק (ירמיה לא, יד) ״קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ״ וגו׳, עס איז געהערט געוואָרן דאָס קויל אין דער הייך, ווי די מוטער רחל (דאָס מיינט מען די שכינה) וויינט אויף אירע קינדער (די אידן וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן), און ווי עס שטייט דאָרט ווייטער אין פסוק.

**אין** אָנפאַנג איז די שכינה אַרויסגעגאַנגען פון בית המקדש און האָט גערוהט אין ארץ ישראל, און דערנאָך איז זי אַרויסגעגאַנגען פון

הייליגן לאַנד צו דעם מדבר, און זי איז דאָרט געזעסן דריי טעג, און דאָרט געזאָגט דעם פסוק (איכה א, א) ״אֵיכָה יָשְׁבָה בָדָד הָעִיר״ וגו׳, ווי אַזוי איז די שטאָט געזעסן איינזאַם און אַליין.

## דער מענטש וואָס באַהעפט זיך צו תלמידי חכמים, איז מקרב די גאולה

**ח. הרי,** קענסטו פון דעם זעהן ווי באַליבט די פריערדיגע דורות זענען געווען אַז זיי האָבן עוסק געווען אין תורה אַפילו ווען זיי זענען געגאַנגען אין וועג, און זיי האָבן זיך געפרייט אַז זיי קענען זיך באַהעפטן מיט אַ חברותא פון תלמידי חכמים, ווייל יעדער מענטש וואָס באַהעפט זיך צו תלמידי חכמים דערנענטערט ער די גאולה, ווייל די שכינה האָט אירע פיר איילן פון הלכה, וואָס דער אויבערשטער וועט אויסשפרייטן זיינע פליגל אים צו ראַטעווען פון שלעכטע גזירות, און זיין תפילה וועט זיין נאָענט אָנגענומען צו ווערן, און זייערע פאַרמעגנס ווערן געבענטשט מיט אַלע ברכות אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק נ׳

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט:
## די גרויסקייט פונעם קרבן פון עני

**א. כבר,** מיר האָבן שוין געשריבן אין די פריערדיגע פרקים, אַז די תפילה פונעם אָרימאַן איז גרויס. און אַצינד וועל איך אין דעם פרק שרייבן נאָך וועגן די פריערדיגע זאַכן, און אַז דער קרבן פון אַ אָרימאַן איז שטענדיג באַווילִיגט צו גאָט, אַזוי ווי עס שטייט (תהילים נא, יט) ״לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה״.

### דאָס איז נישט קיין קרבן פאַר אַן עושר נאָר פון אַן אָרימאַן

**דער זוהר** ברענגט אַ מעשה (ויקרא, דף ט, ע״א) אַמאָל האָט אַן עושר געברענגט אַ פאָר טויבן פאַר אַ קרבן, דער כהן האָט זיי נישט געוואָלט מקריב זיין, און ער האָט געזאָגט צו אים, דאָס איז נישט קיין קרבן פאַר אַן עושר נאָר פון אַן אָרימאַן, איז דער עושר אַהיים געקומען און איז געווען זייער טרויעריג.

### רעכט האָט ער געטאָן ווייל אַזאַ קרבן ברענגט אַן עני

**ב. אמרו,** האָבן זיינע ברידער צו אים געזאָגט, פאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויעריג? האָט ער זיי געזאָגט, ווייל דער כהן האָט נישט געוואָלט מקריב זיין מיין פאָר טויבן וואָס איך האָב געברענגט פאַר אַ קרבן, האָבן זיי אים געזאָגט, רעכט האָט ער געטאָן ווייל אַזאַ קרבן ברענגט אַן עני, אַזוי ווי עס שטייט (ויקרא יד, כא) ״וְאִם דַּל הוּא וְגוֹ׳״, אָבער דו ביסט אַן עושר, דו וואָלסט געדאַרפט ברענגען אַן אָקס פאַר אַ קרבן. האָט דער מענטש צו זיך געטראַכט, מה דאָך, דערויף וואָס איך האָב נאָר געהאַט במחשבה צו זינדיגן, האָט די תורה געהייסן ברענגען אַן אָקס פאַר אַ קרבן, מכל שכן, אויב איך וואָלט אַליין געזינדיגט וואָלט איך אַוודאַי געמוזט פיל קרבנות ברענגען.

## איך מאַך אַ נדר, אַז פון היינט אָן וועל איך קיינמאָל נישט אַרויף ברענגן אויף מיין האַרץ קיין שלעכטע מחשבות

איך מאַך אַ נדר, אַז פון היינט אָן וועל איך קיינמאָל נישט אַרויף ברענגן אויף מיין האַרץ קיין שלעכטע מחשבות. ער פלעגט אַ גאַנצן טאָג האַנדלן, און ביי נאַכט פלעגט ער אַביסל שלאָפן, און דער נאָך פלעגט ער רופן זיינע ברידער זיי זאָלן מיט אים לערנען תורה, און ער האָט גענומען אַן העלפט עשירות און האָט עס צעטיילט פאַר אָרימעלייט, און די אַנדערע העלפט האָט ער געגעבן צו סוחרים וואָס האָבן געהאַנדלט מעבר לים, זיי זאָלן איין קויפן און פאַר קויפן סחורות פאַר אים. אַמאָל האָט רבי סבאָ אים באַגעגנט ווען ער איז געזעצן און געלערנט.

## דער קרבן פונעם אָרימאַן איז בעסער ביי הקדוש ברוך הוא פון אַלע קרבנות

**ג. פתח,** האָט דער עושר געזאָגט, יעדער וואָס איז מקריב אַ קרבן מיט דעם ווילן פון זיין האַרץ, איז הקדוש ברוך הוא אָנגעגרייט דאָס אָנצונעמען. קום און זעה, אַז דער קרבן פונעם אָרימאַן איז חשוב ביי גאָט, ווייל ער איז מקריב זיין חלב און זיין בלוט, ווייל ער האָט דאָך נישט וואָס צו עסן און ער ברענגט פאָרט אַ קרבן, דעריבער איז דאָס גערעכנט ווי ער איז מקריב זיין בלוט און חלב, און אין דער צייט וואָס דער אָרימאַן איז מקריב זיין קרבן, רופט מען אויס אין הימל (תהילים כב, כה) "כִּי לֹא בָזָה וְלֹא שִׁקַּץ עֱנוּת עָנִי" גאָט פאַרשעמט נישט און אומווערדיגט נישט דאָס פייניגונג פון אַן אָרימאַן, ווייל דער קרבן פונעם אָרימאַן איז בעסער ביי הקדוש ברוך הוא פון אַלע קרבנות. דער קרבן עני וואָס איך האָב געוואָלט ברענגן, האָט מיר גורם געווען צו האָבן אַ חלק אין גאָט ברוך הוא און אין זיין תורה, און דעריבער האָב איך צוטיילט האַלב פון מיין עשירות צו אָרימעלייט, ווייל זיי האָבן מיר גורם געווען צו ווערן אַ למדן.

## דער מענטש זאָל מתפלל זיין מיט כונה און מיט אַ צעבראָכן האַרץ

**ד. וכעת**, און אַצינד אַז תפילה איז אַנשטאָט קרבנות, מוז דער מענטש מתפלל זיין מיט כונה און מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ווייל די מענטשן וואָס זענען מכוין מיט זייערע גוטע מעשים, זיי טוען אָן אַ נחת רוח פאַר דער שכינה, און אַזעלכע מענטשן ווערן גערופן אנשי מעשה, און דעריבער האָט די שונמית געזאָגט צו איר מאַן (מלכים-ב ד, י) "נַעֲשֶׂה עֲלִיַּת קִיר קְטַנָּה, וְנָשִׂים לוֹ שָׁם מִטָּה וְשֻׁלְחָן וְכִסֵּא וּמְנוֹרָה" לאָמיר מאַכן פאַר אלישע הנביא אַן אויבער שטיבל, און אַריין לייגן דאָרטן אַ בעט, אַ טיש, אַ שטול, און אַ מנורה. און איר כונה איז געווען, דאָס צו טאָן לכבוד דער שכינה, ווייל די פיר זאַכן זענען אַ רמז וואָס די אידן דאַרפן אָנגרייטן לכבוד דער שכינה, ווען ער שטעלט זיך דאַווענען מעריב זאָל ער אינזינען האָבן אַז דאָס איז קעגן מנורה, קריאת שמע פון ביינאַכט איז קעגן מטה (בעט), צופרי פסוקי דזמרה און קריאת שמע איז קעגן טיש (שלחן), שמונה עשרה פון שחרית איז קען שטול (כסא).

## די גרויסע חשיבות פון זאָגן פסוקי דזמרה און שירת הים מיט כונה

**ה. על כן**, דעריבער זאָל דער מענטש אַנערקענען, ווי שטאַרק די תפילה איז געליבט פאַר גאָט ברוך הוא, אויב ער איז מתפלל מיט כונה און ווי שטאַרק ער דערפרייט דער שכינה, וואָס האָט קיין שיעור און קיין ערך נישט. ווייל בשעת אַ מענטש זאָגט שירות ותשבחות, קרוינט זיך דעמאָלטס אָן די שכינה מיט דער קרוין, וואָס הקדוש ברוך הוא וועט קרוינען מלך המשיח׳ן. און אין דעם קרוין זענען אויסגעקריצט די שמות הקדושים וואָס די אידן האָבן געזאָגט בשעת זיי זענען געגאַנגען אויפן ים, דעריבער אַז דער מענטש זאָגט די שירה פון ים מוז ער מכוין זיין מיט זיין גאַנצן האַרץ, און דער וואָס איז

זוכה אויף דער וועלט צו זאָגן בכונה די פסוקי דזמרה און אז ישיר, וועט ער לעתיד לבא זוכה זיין צו זעהן מלך המשיח גיין אָנגעטאָן דעם קרוין. און וועט דעמאָלטס זוכה זיין צו זאָגן די שירה.

## זיי זענען קעגן די דרייצען ווערטער פון די מדות הרחמים

און ווען דער מענטש קומט צו ישתבח, נעמט גאָט ברוך הוא די קרוין פאַר זיך, דעריבער מוז מען זאָגן אין איין אָטעם די דרייצען ווערטער, שִׁיר וּשְׁבָחָה, הַלֵּל וְזִמְרָה, עֹז וּמֶמְשָׁלָה, נֶצַח, גְּדֻלָּה וּגְבוּרָה, תְּהִלָּה וְתִפְאֶרֶת, (קְדֻשָּׁה וּמַלְכוּת)- און זיי זענען קעגן די דרייצען ווערטער פון די מדות הרחמים וואָס דאָס איז, ה׳, ה׳, קֵל, רַחוּם וְחַנּוּן וְכוּ׳, און אויך קעגן די דרייצען ערליי בשמים פון קטורת (פון הצרי והצפורן ביז יין קפריסין), און מען דאַרף עס זאָגן אין איין אָטעם און נישט מפסיק זיין, און אויב ער איז יאָ מפסיק גייט אַרויס אַ פלאַם פון אונטער די פליגל פון די כרובים און רופט אויס מיט אַ הויכן קול, דער דאָזיגער מענטש האָט צוטיילט די לויב פון זיין הער, דעריבער זאָלן זיינע זכיות צוטיילט ווערן און פאַרלענדט ווערן, ער זאָל נישט זעהן דאָס הערשאַפט פון השם יתברך. אַזוי ווי עס שטייט (ישעיה כו, י) ״וּבַל יִרְאֶה גֵּאוּת ה׳״.

## ווי הויך השם יתברך איז פון דעם עולם, און ווען אַ מענטש גייט אין שול אַריין און קערט אום זיין פנים צו דער וואַנט, און איז מתפלל, דערהערט עס תיכף השם יתברך.

**ו. על כן,** דעריבער דאַרף דער מענטש זייער נזהר זיין דערין, צו זאָגן די דרייצען ווערטער אין איין אָטעם, און אויך ער זאָל נישט מפסיק זיין ביי אַלע ערליי מיני קדושה, אַזוי ווי ביי די ווערטער ״אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא יִתְבָּרַךְ״. און איך האָב מקבל געווען פון אַ חסיד, וואָס ער האָט מדקדק געווען בשעת ער האָט געזאָגט אמן יהא שמיה רבא וכו׳, האָט ער געלייגט זיינע פיס איינעם צום אַנדערן, אַזוי ווי ביי שמונה עשרה, ווייל דאָס איז אַ צייכן אַז גאָט ברוך הוא באַגערט תפילות פון אידן, אַזוי ווי דער מדרש יחזקאל

שרייבט, זעה ווי הויך השם יתברך איז פון דעם עולם, און ווען אַ מענטש גייט אין שול אַריין און קערט אום זיין פנים צו דער וואַנט, און איז מתפלל, דערהערט עס תיכף השם יתברך, און אויב ער איז אין וועג, זאָל ער אום קערן זיין פנים צו אַ בוים און דאַווענען.

## ס׳איז אַ מנהג כשר צו קושן די ווענט פונעם בית מדרש

**ז. כי תיבת,** ווייל דאָס וואָרט ״כּוֹתֶל״ איז אַ וואונדערליכער סוד, עס שטייט אין תיקוני זוהר אַז דאָס וואָרט כותל איז די ווערטער כ״ו= ת״ל. כ״ו, דאָס איז דער צאָל פון שם הוי״ה, ת״ל, מיינט מען דעם בית המקדש, וואָס דאָס איז די כותל המערבי, וואָס עס הייסט ״תַּלְפִּיּוֹת״ דאָס אַלע תפילות קערן זיך אַהין און פון דאָרטן גייען זיי ערשט אַרויף צום הימל, און אַז דער מענטש קערט זיין פנים צום וואַנט, צו דאַווענען, מוז ער מכוין זיין קודם וואָס מיר האָבן פריער געשריבן, דערנאָך זאָל ער דאַווענען מיט גרויס פּאָרכט און אונטערטעניגקייט, ווייל די ווענט פון שוהל זענען זייער הייליג און די ליכטיגקייט פון דער שכינה שוועבט אויף זיי, דעריבער איז אַ מנהג כשר צו קושן די ווענט, פון שול צוליב די ליבשאַפט פון דער קדושה וואָס איז אויף זיי.

## די גרויסע קדושה פון אַ בית מדרש, און דער חיוב זיך צו פירן ווי עס דאַרף צו זיין

**ח. וראיה,** און אַ ראַיה פון מדרש (ילקוט יחזקאל רמז שז), דער מדרש זאָגט אַז עס איז אַ משל צו אַ קעניג, וואָס ער איז אַרויס געגאַנגען פון זיין פּאַלאַץ און געקושט די ווענט און געהאַלזט די זיילן, און געזאָגט זיי מיט שלום מיין הויז, זיי מיט שלום מיין פּאַלאַץ, דאָס מיינט ער געזעגנט זיך מיט זיי. אַזוי אַז די שכינה איז אַרויס געגאַנגען פון בית המקדש, האָט זי געקושט און געהאַלזט דעם בית המקדש און האָט זיך מיט אים געזעגנט.

## דער וועט זוכה זיין צו זעהן אין דעם זיסקייט פון גאָט, און דינען אים אין זיין היכל

**אַצינד** זענען די שוהלן די דירה פאַר דער שכינה, דעריבער מוזן מיר אין אונזערע שוהלן נוהג זיין כבוד און קדושה, און נישט חס וחלילה מיט קלות ראש חס ושלום. און דער וואָס איז מתפלל מיט כונה אין שוהל, דער וועט זוכה זיין צו זעהן אין דעם זיסקייט פון גאָט, און דינען אים אין זיין היכל אָמֵן.

❖ ❖ ❖